בס"ד

# פרד"ס יהודה

עלון שבועי באידיש ע"י יהודה זבולון הלוי קליטניק

## פרשת ויגש תשע"ח

גליון 437 [שנה י']

**וואס האט יוסף געזען יעצט אין יהודה אז ער האט זיך געבראכן?**

וְעַתָּה יֵשֶׁב־נָא עַבְדְּךָ תַּחַת הַנַּעַר עֶבֶד לַאדֹנִי וְהַנַּעַר יַעַל עִם־אֶחָיו: כִּי־אֵיךְ אֶעֱלֶה אֶל־אָבִי וְהַנַּעַר אֵינֶנּוּ אִתִּי פֶּן אֶרְאֶה בָרָע אֲשֶׁר יִמְצָא אֶת־אָבִי: (מד לג–לד) שטייט גלייך נאכדעם וְלֹא־יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק לְכֹל הַנִּצָּבִים עָלָיו. שטעלט זיך די שאלה די ברידער האבן געבעטן פריערט מיט תחנונים און נאכדעם שטרענג און יוסף האט זיך נישט געבויגן און וואס האט יהודה דא געזאגט אז יוסף האט זיך שוין נישט געקענט איינהאלטן? נאר יוסף האט געהאט א כוונה צו זען אויב די ברידער האבן באמת חרטה אויף די מכירה און אזוי וועלן זיי האבן א כפרה, דעריבער האט ער געזען די גאנצע צייט ווי זיי רעדן אבער דאס האט אים נישט באוויזן קיין ראיות, אבער יעצט אז יהודה איז גרייט צו זיין א עבד אנשטאט בנימין, יֵשֶׁב־נָא עַבְדְּךָ תַּחַת הַנַּעַר עֶבֶד לַאדֹנִי, און זיך מוסר נפש זיין כדי נישט מצער זיין יעקב, פֶּן אֶרְאֶה בָרָע, האט ער שוין געזען אז דאס איז נישט דער זעלבער יהודה פון צוויי און צוואנציג יאר צוריק, ממילא וְלֹא־יָכֹל יוֹסֵף לְהִתְאַפֵּק. (שם משמואל סאכאטשוב)

**מיט חכמה האט זיך יוסף אנטפלעקט צו זיינע ברידער**

וְלֹא־עָמַד אִישׁ אִתּוֹ בְּהִתְוַדַּע יוֹסֵף אֶל־אֶחָיו: (מה א) לכאורה איז שווער פארוואס דארף שטיין די ווארט יוֹסֵף עס וואלט נאר געדארפט שטיין בְּהִתְוַדַּע אֶל־אֶחָיו? אויך וְלֹא־עָמַד אִישׁ אִתּוֹ, וואס איז די נפקא מינה אויב איינער איז געווען? נאר יוסף האט געוואלט זיך אנטפלעקן צו די ברידער אבער ער האט זיי נישט געוואלט דערשרעקן דעריבער האט ער אויסגערופן א פאר מאל יוסף! וואו ביזטו? און נאכדעם יוסף בן יעקב, וואו ביזטו? און די ברידער קוקן ארום וועמען רופט ער ווייל זיי זעען נישט קיין מענטשן! דאס מיינט וְלֹא־עָמַד אִישׁ אִתּוֹ, עס איז קיינער נישט געווען בְּהִתְוַדַּע יוֹסֵף, אז ער רופט איינעם יוסף, און אזוי מיט חכמה האט זיך יוסף אנטפלעקט צו די ברידער. (בעלי ברית אברם הק' ר' אברהם אזולאי זצ"ל זיידע פון חיד"א)

**זייער א שיינע דרוש פון אדון און מושל ביי יוסף און די ברידער**

וְעַתָּה לֹא־אַתֶּם שְׁלַחְתֶּם אֹתִי הֵנָּה כִּי הָאֱלֹקִים וַיְשִׂימֵנִי לְאָב לְפַרְעֹה וּלְאָדוֹן לְכָל־בֵּיתוֹ וּמֹשֵׁל בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם: מַהֲרוּ וַעֲלוּ אֶל־אָבִי וַאֲמַרְתֶּם אֵלָיו כֹּה אָמַר בִּנְךָ יוֹסֵף שָׂמַנִי אֱלֹקִים לְאָדוֹן לְכָל־מִצְרָיִם רְדָה אֵלַי אַל־תַּעֲמֹד: (מה ח) וַיַּגִּדוּ לוֹ לֵאמֹר עוֹד יוֹסֵף חַי וְכִי־הוּא מֹשֵׁל בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם וַיָּפָג לִבּוֹ כִּי לֹא־הֶאֱמִין לָהֶם: (כ"ו) עס איז דא עטליכע שוועריקייטן דא: יוסף הייסט די ברידער זאגן פאר יעקב אז ער איז א אָדוֹן און א מֹשֵׁל און פארוואס זאגן די ברידער פאר יעקב אז ער איז נאר א מֹשֵׁל? און פארוואס ווען די ברידער זאגן אז יוסף איז א מֹשֵׁל שטייט וַיָּפָג לִבּוֹ און לֹא־הֶאֱמִין לָהֶם? נאר דער חילוק פון א אָדוֹן און א מֹשֵׁל איז: א אָדוֹן האט א כח און פירט, אבער ער האט איינעם העכער פון אים, און א מֹשֵׁל מיינט וואס געוועלטיגט און קיינער איז נישט איבער אים. און ער קען טאן וואס ער וויל! יעצט א מלך בישראל קען נישט הייסן א מֹשֵׁל נאר א אָדוֹן ווייל דער מלך ישראל מוז האבן מיט זיך א ס"ת שטענדיג און עול מלכות שמים איז ער נאר א אָדוֹן אויף זיין מדינה, אבער א מלך עכו"ם טוט וואס ער וויל ער איז א מושל. לויט דעם איז וואונדערלאך די פסוקים וְעַתָּה לֹא־אַתֶּם שְׁלַחְתֶּם אֹתִי הֵנָּה כִּי הָאֱלֹקִים וַיְשִׂימֵנִי לְאָב לְפַרְעֹה, פרעה גיט מיר כבוד און מירגעמאכט א אָדוֹן לְכָל־בֵּיתוֹ, נאר אויף זיין שטוב ווייל דארט איז פרעה בעל הבית, אבער וּמֹשֵׁל בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם, אויף די לאנד מצרים בין איך א מֹשֵׁל און קען טאן וואס איך וויל, אבער יוסף האט געהייסן איבערגעבן פאר יעקב שָׂמַנִי אֱלֹקִים "לְאָדוֹן" לְכָל־מִצְרָיִם, אבער נישט א מֹשֵׁל כדי נישט מצער זיין יעקב אז ער איז א מֹשֵׁל כביכול און האט נישט עול מלכות שמים, דעריבער וַאֲמַרְתֶּם אֵלָיו כֹּה אָמַר בִּנְךָ יוֹסֵף שָׂמַנִי אֱלֹקִים לְאָדוֹן, אבער די ברידער האבן געוואלט משמח זיין יעקב און פון רוב התרגשות האבן זיי ארויסגעכאפט פון מויל אז יוסף איז מֹשֵׁל בְּכָל־אֶרֶץ מִצְרָיִם, און אז יעקב האט געהערט אז יוסף איז א מֹשֵׁל, וַיָּפָג לִבּוֹ כִּי לֹא־הֶאֱמִין לָהֶם, ער האט נישט געקענט גלויבן אז יוסף זאל אוועקווארפן זיין עול מלכות שמים. ווען די ברידער האבן געכאפט זייער פעלער: איז וַיְדַבְּרוּ אֵלָיו אֵת כָּל־"דִּבְרֵי יוֹסֵף" אֲשֶׁר דִּבֶּר אֲלֵהֶם, אז יוסף האט נאר געזאגט ער איז אָדוֹן און האט נאך עול מלכות שמים, איז דעמאלטס וַתְּחִי רוּחַ יַעֲקֹב אֲבִיהֶם. (קובץ הבאר תרפ"ג מאת הגאון ר' בונם ליב לעוו אב"ד מעזריטש)

**ווי אזוי זעט מען קולות?**

וְהִנֵּה עֵינֵיכֶם רֹאוֹת וְעֵינֵי אָחִי בִנְיָמִין כִּי־פִי הַמְדַבֵּר אֲלֵיכֶם: (מ"ה י"ב) כי פי זאגט רש"י "בלשון הקודש". פרעגט די חמודי צבי ווי איז שייך צו זאגן ביי א קול "עֵינֵיכֶם רֹאוֹת" עס וואלט געדארפט שטיין "אזניכם שומעות" ווייל א קול הערט מען און מען זעט נישט? נאר מען קען ענטפערן אז מען טרעפט ביי קבלת התורה (שמות כ' ט"ו) וְכָל־הָעָם רֹאִים אֶת־הַקּוֹלֹת, ווייל כלל ישראל זענען געקומען צו א גאר הויכע מדריגה דעמאלטס, האבן זיי געקענט זען די קולות, איז כל שכן די שבטים, ווען יוסף הצדיק האט גערעדט האבן זיי געקענט זען די קול הדיבור, און אויך דאס אליין וואס זיי האבן געזען די קול הדיבור, איז דאס א סימן אז די דיבור איז ארויס פון א צדיק, און דאס האט זיי יוסף געוואלט מרמז זיין אז ער איז נאך עומד בצדקו. (בן לאשרי– המקובל מרעננה ר' יצחק הוברמן– תלמיד שם משמואל סאכאטשוב) שרייבט דער צדיק אין ספר: והנני מוסר עוד מודעה שהחלטתי להתפלל בלי נדר בכל יום על כל אלה שיעיינו במפר ויגידו בשמי דברי תורה לאחרים שיוושעו מכל צרה שצריכים ישועה בעולם הזה ובעולם הבא דער מחבר פון ספר בן לאשרי זאגט צו ישועות פאר ווער עס וועט לערנען זיין תורה און דאס איבערזאגן. וועט דאך איינער פרעגן פארוואס ביז יעצט האבן זיי נישט געזען אז דער קול איז פון יוסף? נאר עס איז באוואוסט אז ביז יעצט האט יוסף נאר גערעדט מיט די ברידער דורך א מליץ און נאר יעצט האט יוסף גערעדט מיט זיי. (שמח זבולון תשע"ח)

**פארוואס האט יוסף געשיקט אלטע ווין צו יעקב?**

וּלְאָבִיו שָׁלַח כְּזֹאת עֲשָׂרָה חֲמֹרִים נֹשְׂאִים מִטּוּב מִצְרָיִם: (מה כג) וואס מיינט טוּב מִצְרָיִם? שטייט אין גמ' (מגילה טז) יַיִן יָשָׁן שֶׁדַּעַת זְקֵנִים נוֹחָה הימנו, אלטע ווין וואס זקנים האבן הנאה פון דעם. שטעלט זיך די שאלה יעקב אבינו ליגט דען אין גשמיות אז יוסף שיקט אים אלטע ווין? נאר יוסף האט געהאט א כוונה, ווייל די וועלט פירט זיך אז די יונגע מענטשן זאגן זיי טוהען ריכטיג און די אלטע זענען פאנאטיש, אבער די אלטע ווייסן אז זיי האבן די פארשטאנד און פראקטישקייט ווי זיך צו פירן, ממילא יוסף האט געשיקט אלטע ווין צו ווייזן יעקב אז ער האט נאך די דעת זקנים און אזוי ווי ווין וואס עלטער ער ווערט וועט ער בעסער, אזוי אויך איך יוסף בין געווארן בעסער אויך אין די עלטער און זיך נישט אפגעלערנט פון די טעות פון די וועלט. (קול יהודה בשם הגאון רבי בן ציון אטון זצ"ל ראש ישיבת ראשית חכמה)

## מדור העובדות

### דער הייליגער צאנזער רב זיע"א מאנט איין זיין געלט פון א איד אסאך יארן נאכן הסתלקות

ר' נחמן, א חסידישער איד פון גאליצי', האט זיך געצויגן קיין באדענהיים, דייטשלאנד. ער האט געוואלט א חסידישע קלויז אבער דערווייל האט ער געדאווענט אין די שטאט שול, מן השמים איז זיין שכן ביים דאווענען געווען א ווארעמער און פארמעגליכער איד, א באנקיר. ר' נחמן האט געטראפן חן אין דעם באנקיר און זענען געווארן פריינדליך און ער האט אים געהאלפן זיך שטעלן אויף די פיס, אזוי איז געווען א שטיק צייט ווען פלוצלינג איין טאג באמערקט ר' נחמן אז דער באנקיר ענטפערט אים נישט און איז זייער צוטראגן און ווען ר' נחמן פרעגט אים צו ער קען אים העלפן און דער באנקיר ענטפערט נישט! ר' נחמן איז געווען א קלוגער און נישט אפגעלאזט דעם באנקיר און אים ווייכער געמאכט, און דער באנקיר האט געזאגט אז ר' נחמן זאל קומען ביי אים אין באנק און וועט רעדן מיט אים.

ר' נחמן קומט אריין אין צימער און דער באנקיר לאזט זיך ארויס אין א געוויין אז היות ער האט געמאכט א חשבון און עס איז אויסגעקומען אז ער האט פארלוירן אסאך געלט אין באנק און יעצט קומט ער פאר אסאך מענטשן געלט און ער שעמט זיך פשוט ארויסגיין פון שטוב און ער האט שוין מחליט געווען קצתי בחיי רח"ל. ר' נחמן פרובירט אים מחזק זיין מיט סיפורי בטחון און גוטע ווערטער, אבער דער באנקיר זאגט אז די ווערטער וועט נישט באצאלן זיינע חובות, האט ר' נחמן געזאגט אז אין גאליצי' איז דא א גרויסער ראבינער וואס טוט חסד און טיילט אסאך צדקה, שרייב אים א בריוו פון דיין גאנצע מצב און אפשר וועט ער דיר קענען העלפן!

דער באנקיר זאגט ער האט נישט וואס צו פארלירן און נעמט זיך שרייבן א לאנגער בריוו פון עטליכע זייטן פונקט וואס איז געשען און וויפיל ער דארף. און שיקט דאס מיטן פאסט, עס געדויערט נישט אפאר טעג און דער באנקיר באקומט א עקפרעס בריוו מיט א שליח פון פאסט, דער באנקיר עפענט דעם בריוו און ליינט וואס דער הייליגער צאנזער רב שרייבט אז ער שיקט דא א טשעק וואס עס איז טאקע נישט וויפיל ער דארף אבער עפעס וועט אים העלפן דעקן די חובות, און דער רבי ווינטש אים א ברכה אז פון יעצט וועט ער שטארק מצליח זיין און ווערן צוריק א עושר.

דער באנקיר דאנקט ר' נחמן פאר זיין עצה און דערציילט וואס דער ראבינער האט אים געשיקט און טאקע די געשעפטן האבן זיך געהויבן ווען מען האט אנגעטראגן פארן באנקיר צו עפענען א באנק אין פראנקפורט און עס האט געבליט, און דער באנקיר איז געווארן צוריק א עושר. און האט אריינגענומען ר' נחמן צו פירן זיין באנק אין באדענהיים, עס איז אריבער אסאך יארן און איין נאכט קומט צום באנקיר אין חלום א איד מיט א שיינעם הדרת פנים און זאגט: איך בין דער צאנזער רב און געקומען מאנען די געלט וואס דו קומסט מיר! דער באנקיר האט פארגעסן וואס איז געווען מיטן צאנזער רב ווייל זיין פארמעגן האט זיך פארמערט, און זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון חלום!

אבער דער חלום האט זיך איבער געחזר'ת נאכט נאך נאכט ביז דער באנקיר האט פארשטאנען אז עפעס מיינט מען דא, און ער האט זיך דערמאנט אז דער צאנזער רב האט אים ארויס געהאלפן מיט געלט אסאך יארן צוריק! איז דער באנקיר געפארן פון פראנקפורט קיין באדענהיים אפזוכן זיין ידיד ר' נחמן און פרעגן וואס צו טאן! ענטפערט ר' נחמן אז דער צאנזער רב לעבט שוין נישט, און דער חלום קען נישט זיין אמת! אבער יענע נאכט האט דער צאנזער רב געקומען צו אים ווייטער אין חלום און געזאגט קלארע דיבורים "מיין זון וואוינט אין אונגארן און דארף חתונה מאכן א טאכטער און האט נישט מיט וואס, אים זאלסטו אפצאלן וואס דו קומסט מיר".

דער באנקיר האט שוין מחליט געווען ער גייט אפזוכן דעם זון אין אונגארן, איז ער געפארן קיין באדענהיים און געפרעגט ר' נחמן צו ער קען דעם צאנזער רב'ס זון און אונגארן? האט ער געענטפערט אז ניין, אבער ער האט געזאגט אז דער באנקיר זאל פארן קיין בודאפעסט און יעדן חסידישער איד וועט דיר וויסן צו ווייזן וואו דער רבי'ס זון וואוינט, דער באנקיר איז אנגעקומען אין בודאפעסט און אריין אין די חברת תהלים שול און אלע האבן געוואוסט אז עס רעדט זיך פון הרה"ק ר' שלום אליעזר'ל וואס איז רָב אין ראצפערט, און מען האט אים געזאגט די וועג ווי אזוי צו פארן דארט.

דער באנקיר איז געפארן אהין און געקומען צום שטוב פון ר' שלום אליעזר'ל און וויל אריינגיין צום רב ווייל ער האט עפעס זייער וויכטיג צו איבערגעבן דעם רב, און מען האט אים אריינגעלאזט, דארטן איז געווען אויך דעם רב'ס זון הרה"ק ר' משולם זושא זצ"ל, און דער באנקיר גיט שלום און פרעגט ר' שלום אליעזר'ל צו ער מאכט יעצט חתונה א טאכטער? ענטפערט ער: יא, און וויפיל איז די הוצאות אויף די חתונה? פרעגט אים דער רב וואס האט אייך אהער געברענגט און פארוואס דארפט איר אלעם וויסן?

דער באנקיר האט איינגעבעטן אז דער רב זאל פריערט מאכן א פונקליכן חשבון און זאגטצו אז נאכדעם וועט ער אלעם דערציילן. און ער זאגט ער זאל שרייבן מיט א ברייטקייט אלעם היינט איז א יום טוב פאר דיר, "שפאר נישט הער ראבינער"! דער רב נעמט א פאפיר מיט א פעדער און נעמט זיך שרייבן אלע חשבונות און ווען ער איז פארטיג ווייזט ער דאס פארן באנקיר. דער באנקיר נעמט ארויס א טשעק און שרייבט אוים פונקלאך וויפיל דער רב האט געדארפט, ר' שלום אליעזר'ל דאנקט דער באנקיר אויף די געלט אבער פרעגט מיט וואונדער פארוואס האט ער דאס געטאן און פון וואו האט ער געוואוסט אז ער דארף חתונה מאכן א טאכטער?

דער באנקיר האט דערציילט די גאנצע מעשה וואס דער צאנזער רב האט אים געהאלפן און אז דער צאנזער רב איז געקומען צו אים אין חלום און אים דערציילט, און האט געהייסן צוריק באצאלן וואס איך קום אים. און דער באנקיר האט געוויזן די קבלה פון טשעק, און ווען ר' שלום אליעזר'ל האט דאס געזען האט ער מיט וואונדער געזאגט "דער טשעק וואס דער הייליגער טאטע האט דיר געשיקט איז געווען פונקלאך וויפיל דו האסט מיר געגעבן!!!"

נסתרים דרכי ה'. (רשומים בשמיך זכרונות הרה"ג ר' יצחק שלמה אונגר זצ"ל חוג חתם סופר)

הגליון מוקדש לעי"נ זקנתי מרת יוטא בת ר' יעקב נח -ואסתר מלכה- באכנער ע"ה אשת זקיני הרה"ח ר' אברהם יעקב הלוי ז"ל ה' טבת תשמ"ז


**הוצא לאור ע"י "עולם הספרים" המרכז העולמי לספרים שאינם בנמצא ולספרים עתיקים וכתבי יד - צו פארקויפן**

מכתב קודש של הקדושת ציון מבאבוב הי"ד תרפ"ט מלא ברכות ה' $12000. חומש עם פירוש שם אפרים ותוצאות חיים טשערנאוויץ תרי"א $4000 משנה למלך שהמהרי"ל דיסקין נתן במתנה $3500 ספר מטה אפרים שייך להגאון ר' אברהם פאם $180, ספר טל חיים וברכה ליסקא עם חתימות ר' חיים בנימין גראס ממונקאטש, א תעודה מיט חתימת הרה"צ מטאש זצוק"ל, א בריוו פון הרה"ק ר' מרדכי ובנו ר' אברהם די זוויהעלע רבי'ס זצוק"ל, א גמרא פון הגאון ר' שלמה היימאן זצ"ל $600, גאנצע תהלים געדרוקט אין זיטאמיר פעלט דעם שער $2000, 5 כרכים משנה ברורה עם עוד ספר מיט מוגה כת"י געקויפט פון חפץ חיים אליין $3000 ספר גבורת ארי מוגה ע"י חפץ חיים $400 שו"ת אור המאיר מיט הקדשה פון הגאון ר' מאיר שפירא מיט פיל לומדישע הגהות $3000 , מעבר יבוק דפוס זיטאמיר $1000, ברית אברהם דפוס ראשון $1800 , ספר היכלות הזהר עם פירוש הגר"א דפו"ר שייך להגאון ר' שמואל העללער $2000, א אלטע זילבערנעם שטעקן פון דער טאלנא רבין פון פילאדעלפיה $2000 רי"ף מיט חתימה ר' ברוך בענדיט ליכטנשטיין אביו של הרה"ק ר' הלל מקאלאמייא $5000, חומש דברים עם אוה"ח דפוס סלאוויטא $2500, 20,000 ספרים און בריוון און דאקומענטן צום פארקויפן

דער גליון איז לעי"נ הבחור יוסף שמואל ע"ה ב"ר צבי אלימלך נ"י, און לעי"נ ידיד נפשי המקובל הצדיק ר' מיכאל בן רחמים נימני זצ"ל

**If you have good condition older seforim bring them in to us at no charge 4403 16 Ave Brooklyn, NY 11204 USA 718 438 8414 718 633 5500 T/f Hours are 11-7:30 Fri till 1:30, To receive pardes: pardesyehuda1@gmail.com or pickup in the store. on the web at *WWW.SEFORIMWORLD.COM***